# **פרשת פנחס – מטות מסעי י"ח תמוז– ב' אב תשע"ו לפ"ק**

***יום שני פרשת פנחס***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לשווייץ.

*

***יום שלישי פרשת פנחס***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לשווייץ, ונסע לעיר סט. מאריץ למנוחה.

*

***יום חמישי פרשת פנחס***

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, ששוהה בימים אלו בעיר מאלויא הסמוך לסט. מאריץ, ושוחחו ביחידות למשך זמן. אחר כך התפלל **רבינו שליט"א** שם תפלת ערבית, ונפרדו לשלום.

*

***שבת קודש פרשת פנחס***

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בבית מלונו, בהשתתפות כשלשים איש. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי חיים יהודא דייטש שליט"א** אב"ד חוג חתם סופר פתח תקוה.

במוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה דמלכא בבית מלונו, וסיפר סיפורי צדיקים מאת **הגה"ק בעל ישמח משה זצ"ל** (לרגל יומא דהילולא ביום כ"ח תמוז).

* * *

***יום רביעי פרשת מטות - מסעי***

אחר תפלת שחרית יצא **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בשווייץ, בדרכו חזרה לניו יארק. בעת היציאה מבית מלונו הגיע **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** להפרד מאת **רבינו שליט"א**.

בשעות הלילה הגיע **רבינו שליט"א** לביתו בוויליאמסבורג.

*

***יום חמישי פרשת מטות - מסעי***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. לפני התפלה הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **שלמה זלמן הערשקא** הי"ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יצחק פאלל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השתתף בסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דער** מנהג איז ביי יעדן ברית, אז בעפאר מען גייט צו, צו מל'ן דאס קינד, זאגט מען די פסוקים פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי מעל בני ישראל בקנאו את קנאתי בתוכם, ולא כליתי את בני ישראל בקנאתי, לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום (במדבר כה-יא). בפשטות האט נישט די גאנצע ענין וואס פנחס האט מקנא געווען קנאת ה' קיין שום שייכות מיט די ענין פון ברית מילה. עס איז טאקע דא א מדרש (ילקוט סימן תשע"א) אז פנחס זה אליהו, אז פנחס איז שפעטער געווארן אליהו. און אליהו איז דאך דער מלאך הברית, ביי יעדן ברית איז דא אליהו הנביא, קומט אויס, אז ביי יעדן ברית געפונט זיך אויך פנחס. אבער אין פשטות, אפילו פנחס איז אליהו, און אליהו קומט צו יעדן ברית, אבער פארוואס דערמאנט מען, אז פנחס האט מקנא געווען קנאת ה'. וואס איז דער קשר איינס צום אנדערן.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט געהייסען נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים, אז מען זאל ארויסגיין אין א מלחמה, און מען זאל נקמה נעמען פון מדין, האט משה רבינו געזאגט, החלצו מאתכם אנשים לצבא, ויהיו על מדין לתת נקמת ה' במדין. און רש"י טייטשט, אנשים, צדיקים. קלויבטס ענק אויס אנשים צדיקים, וואס זאלן ארויסגיין פירן די מלחמה. אלף למטה אלף למטה, מען זאל נעמען טויזנט פון יעדן שבט, וואס זאלן ארויסגיין אין די מלחמה, לכל מטות ישראל תשלחו לצבא, פון אלע שבטים זאל מען ארויסשיקן אין די צבא. און רש"י

זאגט דערויף, לכל מטות ישראל, לרבות שבט לוי. געווענליך האט מען נישט גערעכנט שבט לוי צווישן די איבריגע, אבער דא האט שבט לוי אויך געדארפט ארויסגיין. וימסרו מאלפי ישראל אלף למטה, שנים עשר אלף חלוצי צבא (במדבר לא-ג), צוועלף טויזנט זענען ארויסגעגאנגען. די מפרשים שטעלן זיך, אז טאמער מען האט אויך געשיקט פון שבט לוי, איז דאך דא דרייצן שבטים, ווי אזוי שטימט עס מיט דעם וואס דער פסוק זאגט, אז עס איז געווען שנים עשר אלף חלוצי צבא. מען האט דאך אויך געשיקט פון שבט לוי, דארף דאך זיין דרייצן טויזנט.

**עס** קען אפשר זיין דער ענין, דער הייליגער **חתם סופר** (**תורת משה** פ' בלק קיט.) שטעלט זיך, מען ווייסט אז די מלחמה פון מדין איז געווען, כדי מען זאל נקמה נעמען פון מדין, אויף דעם וואס זיי האבן מחטיא געווען יודען ביי די בנות מואב. שטעלט זיך דער הייליגער **חתם סופר**, אזא עבירה וואס מען האט דעמאלטס געטון ביי די בנות מואב, געפונט מען נישט נאכאמאל אין די גאנצע היסטאריע פון כלל ישראל, אז א חלק יודען זאלן נכשל ווערן אין אזא הארבע עבירה פון זנות. יחידים קענען אמאל נכשל ווערן, אבער כלל ישראל אזוי ווי עס איז געווען דעמאלטס, געפונט מען נישט שפעטער אין די גאנצע היסטאריע פון כלל ישראל. פארוואס איז עס אזוי, וואס איז פונקט דעמאלטס געווען אנדערש, אז דעמאלטס זענען יודען נכשל געווארן.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר** א דבר נפלא. מען ווייסט אז מילה איז מחליש כח התאוה, די מצוה פון מילה האלט יודען אין די קדושה, אז מען זאל נישט זינדיגען. און ער איז מאריך, אז ווילאנג מען איז נישט גע'מל'ט איז די תאוה אסאך גרעסער. די תאוה פון א ערל איז אסאך גרעסער ווי פון איינעם וואס איז נימול (ב"ר פ-יא), ווייל מילה איז מחליש די כח התאוה (**מורה נבוכים** ח"ג פרק מט). דאס איז לפי פשוטו, אויסער די מדריגות וואס איז דא אין מצות מילה, טוט עס אוועקנעמען די כח התאוה פון א מענטש.

**די** פערציג יאר וואס יודען זענען געווען אין מדבר, האט מען זיך נישט גע'מל'ט (יבמות עב.). קומט אויס, אז אויב מען האט זיך נישט גע'מל'ט, האבן זיי נישט געהאט דעם כח אז זיי זאלן זיך קענען מתגבר זיין, אבער פון ווען יודען האבן זיך שוין גע'מל'ט, איז מער נישט געווען אזא פגם ביים כלל ישראל. און דאס אז יודען האבן זיך נישט גע'מל'ט, איז נאר געווען איינמאל אין די היסטאריע, נאר אין די צייט וואס יודען זענען געווען אין מדבר, און מען האט זיך נישט גע'מל'ט, און דעמאלטס האט געקענט פארקומען אז עס זאל זיין אין כלל ישראל אזא עבירה ווי די בנות מואב. און אויף דעם האט אויסגעפעלט אז מען זאל נעמען נקמה אין די בנות מדין וואס האבן מחטיא געווען יודען. זיי האבן דעמאלטס געטראפן א געלעגענהייט ווי זיי זאלן קענען מכשיל זיין יודען, ווייל זיי זענען נישט געווען נימול. אזוי שטייט אין הייליגן **חתם סופר**.

**קומט** דאך אויס, אז ווען יודען זענען נישט געווען גע'מל'ט, האבן זיי געהאט א נסיון אז זיי זאלן נכשל ווערן אין א עבירה. אז מען האט יעצט געדארפט ארויסגיין נעמען נקמה אין מדין, האט משה רבינו געזאגט, החלצו מאתכם אנשים לצבא, נישט יעדער קען גיין מלחמה האלטן, נאר אנשים צדיקים, די וואס פילן אז זיי זענען צדיקים, זיי פירן זיך ערליך, די קענען גיין מלחמה האלטן מיט מדין. די וואס פירן זיך נישט ערליך, זיי האבן נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון, ווייל זיי זענען נישט גע'מל'ט, די קענען נישט ארויסגיין אין די מלחמה, צו נעמען נקמה פון די מדינים. אבער שבט לוי וואס האבן זיך גע'מל'ט אויך אינעם מדבר, פון זיי האט מען נישט געדארפט אויסקלייבן אנשים צדיקים לצבא, ווייל די גאנצע שבט איז געווען א שבט פון צדיקים.

**האט** משה רבינו אזוי געזאגט, 'החלצו מאתכם אנשים לצבא', ווען מען גייט ארויס אין די מלחמה, דארף מען נעמען אנשים, נאר די וואס זענען צדיקים. 'אלף למטה אלף למטה', פון יעדע שבט זאל מען נעמען טויזנט, 'לכל מטות ישראל', פון שבט לוי זאל מען אויך נעמען טויזנט. אבער עס איז געווען א חילוק צווישן שבט לוי און גאנץ כלל ישראל, ווייל פון שבט לוי האט מען געקענט נעמען יעדן, אבער פון די אנדערע שבטים האט מען נישט געקענט נעמען נאר 'אנשים' לצבא.

זאגט די פסוק, 'וימסרו מאלפי ישראל אלף למטה שנים עשר אלף חלוצי צבא', ביי די אלע אנדערע וואס זענען געווען וימסרו, מען האט געדארפט איבערגעבן ווער עס איז דער צדיק און ווער נישט, איז נאר געווען צוועלף טויזנט. עס איז טאקע ארויסגעגאנגען דרייצן טויזנט אין די מלחמה, אבער שבט לוי וואס האבן זיך געהאט גע'מל'ט, די האבן נישט געהאט א נסיון, פון זיי האט מען געקענט נעמען יעדן איינעם וואס זאל ארויסגיין אין די מלחמה, און מען האט נישט געדארפט נעמען 'אנשים צדיקים' לצבא.

**פנחס** האט מקנא געווען קנאת ה', ווייל יודען האבן געזינדיגט. פארוואס האבן יודען דעמאלטס געזינדיגט, ווייל זיי האבן נישט געהאט די מצוה פון מילה. זעהט מען די חשיבות פון מצות מילה, אז ווילאנג עס איז נישט דא די מצוה פון מילה, קען א חלק פון כלל ישראל נכשל ווערן אין א עבירה. אבער ווען עס איז דא מצות מילה, איז דאס מגין, און מען האט נישט געהערט שפעטער אין די היסטאריע פון כלל ישראל, אז זיי זאלן נכשל ווערן אין אזא עבירה. - ווען מען גייט מל'ן א קינד, און מען וויל ווייזען די חשיבות פון די מצוה פון מילה, דערמאנט מען פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי מעל בני ישראל, בקנאו את קנאתי בתוכם, אז מען האט געדארפט מקנא זיין קנאת ה'. פארוואס האט אויסגעפעלט אז פנחס זאל מקנא זיין קנאת ה', ווייל מען האט זיך נישט גע'מל'ט, אבער אונז וואס מיר מל'ן יא אונזערע קינדער, וועלן מיר נישט האבן די נסיון וואס מען האט דעמאלטס געהאט.

*

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א.**

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **עקיבא גאלדשטיין** ע"ה.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ש"ב הר"ר **פנחס משה פאללאק** ע"ה (בן הגה"צ רבי אלי' **פאללאק** זצ"ל אב"ד וואדקערט).

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** בחזרה למעונו בקעמפ.

*

***<u>שבת קודש פרשת מטות מסעי</u>***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכא בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי שמחה ישכר בער מציעשנוב זי"ע**, ומאת **הרה"ק רבי מנחם מענדל מפריסטיק זי"ע**, ומאת **הרה"ק רבי חנה מקאלאשיץ זי"ע** (מתוך הספר **י"ג אורות**). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אשר גדלי' פאללאק שליט"א** אב"ד בראשוב.

***<u>וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):</u>***

פעם רצו אנשים לנסוע לציון של צדיק אחד, אמר **הגה"ק מציעשנוב**, הוא עדיין לא גמר עם עצמו, והם מבקשים לילך על קברו.

**והסביר רבינו:** ער האט געהאלטן, אז דער צדיק איז נאכנישט פארטיג מיט זיך, איז נישט דא א ענין אז מען זאל גיין מתפלל זיין אויף זיין ציון. עס שטייט אין **טור** (סימן שד"מ) אז אין דעם ערשטן יאר, שנה ראשונה, גייט מען נישט מתפלל זיין אויף א ציון פון א מת, ווייל דעם ערשטן יאר איז א שווערע יאר פאר יעדן מענטש. משפט רשעים בגיהנם איז י"ב חודש (עדיות ב-י), איז ממילא דעם ערשטן יאר איז מען נישט מתפלל פאר זיך, ווייל דער מת איז פארנומען מיט זיך אליינס, און ער קען נישט מתפלל זיין פאר אנדערע.

עס איז דא צוויי טעמים פארוואס מען גייט מתפלל זיין ביי א ציון. איין טעם איז, ווייל דער מקום איז א מקום קדוש, און ביי א מקום קדוש ווערט מער נתקבל די תפלות. דאס איז טייטש, אז מען בעהט נישט פונעם מת, נאר מען בעהט פונעם אייבערשטען, און אין דעם זכות פונעם צדיק וואס איז דא דארט, ווערט ענדערש נתקבל די תפלות. און נאכדעם איז דא אזעלכע וואס האלטן, אז דער מת איז אזוי ווי א שליח. די נשמה פונעם מת זאל מעורר רחמים זיין אויבן אין הימל. און דער טעם אז דער מת זאל קענען מתפלל זיין פאר א אנדערן, איז נישט שייך ווען א מענטש איז נאכנישט צוגעקומען

צו זיין מקום. - ווען דער **ציעשנוב'ער רב** האט געזען אז מען איז געפארן צו א צדיק, האט ער געהאלטן אז דער צדיק איז נאכנישט פארטיג מיט זיך, און מען דארף נישט גיין אויף זיין ציון.

*

בהיות **הרה"ק רבי מנחם מענדל מפריסטיק זצ"ל** בן עשר שנים, גמר פעם בדעתו שלא להתנענע בעת תפלת העמידה. אחר התפלה התבטא זקינו **הרה"ק מצאנז זי"ע** ואמר ברוך קדשו, היום התפלל מענדל'ה שלי כחסידים הראשונים.

**והסביר רבינו:** עס איז דא חילוקי דיעות, ווי אזוי מען דארף דאווענען שמונה עשרה. א תפלה דאווענט מען מיט א קול, און מען שאקעלט זיך ביים דאווענען, אבער תפלה בלחש, שמונה עשרה, איז דא וואס האבן געהאלטן אז מען זאל שטיין אויף איין פלאץ. דער **מגן אברהם** (או"ח סימן מ"ח סק"ד) ברענגט צו אזא שיטה פונעם **רמ"ע מפאנו**, אז על פי קבלה איז דא א ענין, אז מען זאל זיך נישט שאקלען ביי די שמונה עשרה.

**איך** האב אמאל געהערט נאכזאגן, אז מען זעהט ווען איינער שווימט, איז אין אנהייב ווען מען לערנט זיך אויס צו שווימען, קלאפט מען מיט די הענט און מיט די פוס, און מען פלאטשקעט ארויף און אראפ, ביז מען לערנט זיך אויס צו שווימען. אבער ווען מען קען שוין גוט שווימען, דעמאלטס קלאפט מען שוין נישט, און מען שווימט גראד, אז מען באמערקט ניטאמאל אז מען שווימט. דאס זעלבע איז ביים דאווענען, אין אנהייב ווילאנג א מענטש קען נאכנישט, ער איז נאכנישט אריינגעקומען אין תורה און אין עבודת ה', דארף מען דאווענען מיט א ברען און מיט א חיות, מען דארף פלאטשקען, עס גייט נישט אנדערש. אבער שפעטער ווען מען קומט שוין צו, צו א הויכע מדריגה, דעמאלטס איז דא א ענין, אז ווען מען דאווענט שמונה עשרה, זאל מען שטיין גראד, מיט א אימה ויראה כעומד לפני המלך.

*

**די** וואך, ד' אב, איז די יארצייט פונעם **רמ"ע מפאנו**, און ה' אב איז די יארצייט פונעם **אר"י הק'**. דער **רמ"ע מפאנו** איז געווען פון די גרעסטע מקובלים בימיו. ער איז געווען א דור שפעטער פונעם **אר"י הק'**, מען האט שוין גערעדט שבת (בעת עריכת הבאטע) אז דער **אר"י הק'** האט געוואוינט אין מצרים, און צוויי יאר פאר זיין פטירה איז ער ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, און ער האט געוואוינט אין צפת צוויי יאר. ווען ער איז ארויפגעקומען קיין צפת, איז געווען דארט דער **רמ"ק, רבי משה קורדובארי**, וואס איז געווען דער רבי פון אלע מקובלים. און א קורצע צייט שפעטער איז דער **רמ"ק** נסתלק געווארן. דער **רמ"ק** איז אוועק אין יאר ש"ל, באלד פיר הונדערט און פופציג יאר צוריק. און דער **אר"י הק'** האט נאכדעם איבערגענומען מפיץ צו זיין תורת הקבלה, און דער **אר"י הק'** איז אוועק צוויי יאר שפעטער של"ב.

**דער רמ"ע מפאנו** איז נסתלק געווארן אין יאר ש"פ. ער האט געוואוינט אין איטאליע, ער איז געווען א דור שפעטער פונעם **אר"י הק'**, ער איז געווען א תלמיד פון א תלמיד פונעם **אר"י הק'**. דער **רמ"ע** האט געשריבן צענדליגער ספרים אויף קבלה, זיינע ספרים זענען זייער אנגענומען. ער שרייבט אין די הקדמה (של ספרו **פלח הרימון**), אז עס איז דא צוויי ערליי מהלכים אין קבלה, דער **רמ"ק** האט געהאט איין מהלך אין קבלה, און דער **אר"י הק'** האט געהאט א צווייטען מהלך אין קבלה, און ער איז מסביר דארט על פי דרכו, די חילוקים פון די צוויי מהלכים, און ער פראבירט משלב צו זיין ביידע צוזאמען.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**